# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................8:09
מוצאי שב"ק......................9:41

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.......................יחזקאל מ'-מ"א
בבלי.......................שבועות מ"ד
ירושלמי..................יבמות ע"ג
תוספתא...........בבא מציעא ו'
רמב"ם.רוצח ושמירת הנפש י"א


פרשת בהעלותך, י"ח סיון, שנת תשפ"ה לפ"ק, אבות פרק ב'
שנה 14, גליון 38 (706)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַעֲנַן ה' עֲלֵיהֶם יוֹמָם בְּנָסְעָם מִן הַמַּחֲנֶה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצ"ח), וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁרֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵייסְט מֶען אִים פָּארְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת י"ד, ט"ו) מַה תִּצְעַק אֵלָי דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ. בַּיי קְרִיעַת יַם סוּף זֶענֶען דִי אִידְן גֶעשְׁטַאנֶען פַּארְ'ן יַם זֵייעֶר פַאְרלוֹירְן אוּן דֶערְשְׁרָאקְן, דִי מִצְרִיִים זֶענֶען זֵיי נָאכְגֶעלָאפְן פוּן הוּנְטְן, ווִילְדֶע חַיוֹת הָאבְּן גֶעבְּרוּמְט אוֹיף זֵיי פוּן בֵּיידֶע זַייטְן אִינֶעם מִדְבָּר, אוּן פוּן פָּארְנְט אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶער יַם, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעזֶען קַיין וֶועג אַרוֹיס פוּן דֶעם פְּלָאנְטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי אָבֶּער גֶעהֵייסְן פָּארְן וַוייטֶער, אַרַיין אִין יַם אַרַיין, אוּן דַאן הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי גֶעשְׁפָּאלְטְן דֶעם יַם, זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אִין דִי טְרוּקֶענִישׁ, אוּן זֶענֶען גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן.

דָאס גֵייט אוֹיךְ אָן בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶר גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ שְׁוֶוערֶע מַצָּב, עֶר טְרֶעפְט זִיךְ אִין אַ פְּלָאנְטֶער, אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט קַיין שוּם וֶועג אַרוֹיס דֶערְפוּן, עֶר שְׁרֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן, זָאגְט מֶען אִים "פָּאר וַוייטֶער", וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן אוּן גֶעב נִישְׁט אוֹיף, דוּ פְּרוּבִּיר אָנְצוּגֵיין וַוייטֶער אִין דַיין לֶעבְּן, פְּרוּבִּיר ווִיפִיל אוּן וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט, וֶועסְטוּ נָאכְדֶעם זֶען וִוי שֵׁיין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶע דַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן צָרוֹת.

מְ'טָאר נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֶעקְן מִיט דִי צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, מְ'טָאר נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן אוּן אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיפְ'ן לֶעבְּן, אַלֶץ אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס, אֲפִילוּ וֶוען מְ'זֶעט עֶס נִישְׁט מִיט דִי אוֹיגְן, מְ'דַארְף זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן צוּ גֵיין וַוייטֶער, נִישְׁט זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן פַאר קַיין שוּם זַאךְ. דֶער הֵיילִיגֶער מַהֲרַ"שׁ פוּן לִיוּבַּאוִויטְשׁ זי"ע פְלֶעגְט זָאגְן, "דִי וֶועלְט זָאגְט אַז מְ'קֶען נִישְׁט גֵיין אַרוּנְטֶער גֵייט מֶען אַרִיבֶּער, אוּן אִיךְ זָאג אַז מְ'גֵייט לְכַתְּחִלָּה אַרִיבֶּער", דָאס מֵיינְט אַז מְ'קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן פַאר קַיין שוּם שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, מְ'גֵייט מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, אוּן מְ'קוּמְט אִיבֶּער אַלֶע שְׁטֶערוּנְגֶען.

דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דֶעם פָּסוּק, וַעֲנַן ה' עֲלֵיהֶם יוֹמָם, וֶוען קֶען אַ אִיד זוֹכֶה זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רוּעֶן מִיט אִים? עֶר זָאל שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַלֶעס זָאל אִים גֵיין גוּט? בְּנָסְעָם מִן הַמַּחֲנֶה, וֶוען אִיז גְרֵייט אַלֶץ צוּ פָּארְן וַוייטֶער, גָארְנִישְׁט קֶען אִים אָפְּשְׁטֶעלְן פוּן דַיין וֶועג, עֶר גֵייט פָּארְאוֹיס מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט לוֹיט ווִיפִיל אוּן וִוי אַזוֹי עֶר קֶען, אוּן אַזוֹי קוּמְט עֶר אָן צוּ אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן אִין לֶעבְּן.

עֶס אִיז דָא אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר זַיין בְּרוּדֶער רֶבִּי יְחִיאֵל, אַ מוֹרָא'דִיגֶע בְּרִיוו, יֶעדֶער קֶען נוּצְן דִי בְּרִיוו פַאר הִתְחַזְקוּת, דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִים (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קסה):

"הִגִּיעַנִי מִכְתָּבוֹ פֹּה זַאסְלַאב", אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו, "וְהָיָה לִי צַעַר גָּדוֹל מִזֶּה", אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ וֵויטָאג, "אֵיךְ מָלְאוּ לִבָּם הָאֲנָשִׁים הָרְשָׁעִים הָאֵלֶּה וְהֵעֵזּוּ פְּנֵיהֶם כָּל כָּךְ נֶגְדְּךָ", וִוי קֶען זַיין מֶען זָאל זִיךְ צוּ דִיר אוֹיפְפִירְן מִיט אַזַא עַזוּת, "וְתָמֵהַּ אֲנִי אֵיךְ לֹא נִמְצָא טוֹב לְעֻמַּת רַע כְּנֶגְדָּם לְבַעֵר הָרַע", אוּן אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ, וִוי קֶען זַיין עֶס זָאל נִישְׁט זַיין מֶענְטְשְׁן וָואס זָאלְן זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר דִיר?

"אֲהוּבִי אָחִי נַפְשִׁי וּלְבָבִי", מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, "אַל תִּירָא וְאַל תֵּחַת מִפְּנֵיהֶם", הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן זֵיי, "רַק חֲזַק וֶאֱמַץ בַּתּוֹרָה וּבְיִרְאַת ה' כָּל הַיּוֹם, כַּמְדֻבָּר בֵּין שְׁנֵינוּ", שְׁטַארְק זִיךְ אִין תּוֹרָה אוּן אִין יִרְאַת ה', "וּזְכוּת אֲבוֹתֶיךָ מְסַיַּעְתְּךָ, כִּי כָּל זֶה לְגַדֵּל אוֹתְךָ וּלְהַרְבּוֹת כְּבוֹדְךָ וּלְגַדֵּל שִׂכְלְךָ", וַוייל דָאס אַלֶעס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אִיז נָאר פַאר דַיין טוֹבָה, דִיךְ בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כִּי כְּמוֹ שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְכָל מִינֵי זֵרְעוֹנִים לָבוֹא לְתַכְלִית גִּדּוּלָם אֶלָּא עַד שֶׁנּוֹתְנִין מִתְּחִלָּה הַגַּרְעִין בֶּעָפָר וְאַחַר כָּךְ הַגַּרְעִין נִתְבַּלֶּה וְאַחַר בְּלוֹתוֹ יִפְרַח וְיָצִיץ וְנַעֲשֶׂה אִילָן גָּדוֹל", אַזוֹי וִוי אַלֶע פְרוּכְט אוּן אַלֶע גְרִינְצֵייג, אַלֶעס וָואס וַואקְסְט - קֶען נָאר וַואקְסְן נָאר נָאכְדֶעם וָואס מֶען דֶעקְט צוּ דִי זוֹמֶען, דִי קֶערְל - אוּנְטֶער דִי עֶרְד, אוּן דִי קֶערְל וֶוערְט פַארְפוֹילְט, "כֵּן הַדָּבָר הַזֶּה שֶׁעַל יְדֵי זֶה שֶׁמַּשְׁפִּילִין אוֹתְךָ עַד עָפָר, עַל יְדֵי זֶה תִּתְגַּדֵּל וְתָצִיץ וְתִפְרַח בָּעוֹלָם", אַזוֹי אוֹיךְ מִיט דִיר, דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען פַארְשֶׁעמְט דִיךְ אוּן מֶען דֶערְנִידֶערְט דִיךְ, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ וַואקְסְן אוּן גְרוֹיס וֶוערְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, "אִלּוּ הָיוּ יוֹדְעִין אֵלּוּ הָרְשָׁעִים מִזֶּה", וֶוען דִי שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעוואוּסְט וָואס פַאר אַ טוֹבָה זֵיי טוּעֶן דִיר מִיט דֶעם וָואס זֵיי רוֹדְפְ'ן דִיךְ, "בְּוַדַּאי לֹא הָיוּ מְבַזִּין אוֹתְךָ", וָואלְטְן זֵיי דִיךְ זִיכֶער נִישְׁט גֶעפַּיינִיגְט, "כִּי כָּל כַּוָּנָתָם לְרַע", וַוייל זֵייעֶר גַאנְצֶע כַּוָּנָה אִיז נָאר דִיר שְׁלֶעכְטְס צוּ טוּן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל בְּהַעֲלוֹתְךָ תשס"ג - עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּקְרָא תשפ"ג)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### מַזָל אוּן הַצְלָחָה

"זָאל זַיין מִיט מַזָל אוּן הַצְלָחָה", אִיז אַ בְּרָכָה וָואס יֶעדֶער וואוּנְטְשׁ זִיךְ צוּ הֶערְן אִין יֶעדֶע פַאזֶע אִין לֶעבְּן. אַזוֹי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי נַאטוּר פוּנֶעם מֶענְטְשׁ; יֶעדֶער ווִיל מַצְלִיחַ זַיין, יֶעדֶער ווִיל שְׁטֵייגְן, יֶעדֶער ווִיל זַיין סוּקְסֶעסְפוּל, יֶעדֶער ווִיל אָנְקוּמֶען צוּ זַיינֶע צִילְן אִין לֶעבְּן. נִישְׁט אַלֶץ גֵייעֶן אָבֶּער זַאכְן וִוי מֶען ווִיל, וִוי מֶען הָאט זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אַז עֶס וֶועט גֵיין, עֶס קוּמֶען כְּסֵדֶר אוּנְטֶער שְׁטֵיינְדְלֶעךְ אִין וֶועג, זַאכְן פַארְהַאנְקֶערְן זִיךְ אִינְדֶערְמִיט, זֵיי גֵייעֶן נִישְׁט וִוי גֶעפְּלַאנְט; יֶעדֶער זוּכְט דֶער וֶועג צוּ הַצְלָחָה, זַאכְן זָאל זִיךְ גְלִיטְשְׁן וִוי גֶעשְׁמִירְט, יֶעדֶער זוּכְט דֶעם שְׁלִיסְל צוּ אַ גוּט מַזָל; וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ דָאס אַיינְהַאנְדְלֶען?

דִי עֶרְשְׁטֶע טְרֶעפְּל אוֹיפְ'ן לֵייטֶער פוּן הַצְלָחָה אִיז זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ גוּט אַרַיינְנֶעמֶען אִין קָאפּ אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ אוּן יֶעדֶע גְרוֹיסֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶוערְט גֶעפִירְט נָאר דוּרְכְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (חוּלִין ז':) "אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה, אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה", אַ מֶענְטְשׁ צֶעקְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט דֶעם קְלֵיינֶעם פִינְגֶער דָא אוּנְטְן, אֵיידֶער מֶען הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן אוֹיבְן אִין הִימְל אַז דָאס הָאט דַארְף פַּאסִירְן. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת נ"ח.) "אֲפִילוּ רֵישׁ גַּרְגִּיתָא מִן שְׁמַיָּא מַנוּ לֵיהּ", אֲפִילוּ דֶער וָואס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט דִי גְרִיבֶּער אוּן דִי מִיסְט, וָואס דָאס אִיז גָאר אַ נִידְרִיגֶע שְׁטֶעלֶע, אִיז דָאס אוֹיךְ פוּן הִימְל אַזוֹי אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אַז דַוְקָא יֶענֶער זָאל בַּאקוּמֶען דֶעם פָּאסְטְן.


>>>>>>


### א גוט ווארט

יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִיז גֶעוֶוען אַ הֶערְלִיכֶע חֲתוּנָה, דִי אִידְן מִיט דִי תּוֹרָה הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט, יֶעצְט דַארְף מֶען אַרְבֶּעטְן אוֹיף דִי שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען זָאל זִיךְ מַאכְן יֶעדְן טָאג אַ צַייט צוּ הָאבְּן אֵיינֶע מִיט דִי צְוֵוייטֶע; לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוּן קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן דְרֵיי מָאל אַ טָאג.

רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, טְשֶׁעפֶּע אִיר נִישְׁט, אוּן אַז זִי הָאט דִיר גֶעזָאגְט אַ שַׁארְף וָוארְט - זָאלְסְטוּ שְׁוַוייגְן אוּן דָאס נֶעמֶען פַאר כַּפָּרַת עֲוֹונוֹת, וַוייל אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט דִי וַוייבּ, מֶען טוּט אִיר וֵויי - בַּאצָאלְט מֶען זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע שְׁטְרָאף.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נָשֹׂא תשפ"ה)

**אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א**

# דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין מִיר

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ט' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

עֶס בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר אוֹיפְן גַאס, עֶס אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין אִין גַאס פוּן דִי גְרוֹיסֶע פְּרִיצוּת, מֶען דַארְף רַחֲמֵי שָׁמַיִם נִישְׁט אַרָאפְּצוּפַאלְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פוּן סַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "הַיינְט אַז מֶען גֵייט אִין שׁוּל דַארְף מֶען רַחֲמֵי שָׁמַיִם אַז מֶען זָאל אַהֵיים קוּמֶען דִי זֶעלְבֶּע אִיד, נִישְׁט שְׁוַואכֶער, פוּן דִי גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת".

מֶען דַארְף שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיךְ, רַאטֶעוֶוע מִיךְ, אִיךְ זָאל קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, לוֹיטֶערֶע אוֹיגְן, הֵיילִיגֶע אוֹיגְן, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי כּוֹחוֹת פַאר דֶעם, אִיךְ הָאבּ אַזַא פֵייעֶר, דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין מִיר, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין בְּחִירָה, רַאטֶעוֶוע מִיךְ"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ שְׁרַייעֶן טָאג טֶעגְלִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, קוּם אִין שׁוּל אוּן זַיי מַקְפִּיד אוֹיף מִנְיָן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ז ע"ב; תַּעֲנִית ח ע"א), וֶוען מֶען דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָן דִי תְּפִילּוֹת וִוי אַזוֹי מֶען זָאל נָאר דַאוֶוענֶען. קוּם אִין שׁוּל מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ, קוּם אִין שׁוּל אָנְגֶעטוּן מִיט הוּט אוּן רֶעקְל, אוּן רֶעד נִישְׁט אִין שׁוּל.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נָשֹׂא תשפ"ה)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה

**סח. עַל יְדֵי בִּטָּחוֹן, תְּפִלָּתוֹ שֶׁל אָדָם נִשְׁמַעַת.** דוּרְךְ בִּטָּחוֹן, אַז מֶען פַארְזִיכֶערְט זִיךְ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְן דִי תְּפִלּוֹת אוֹיסְגֶעהֶערְט.

**סט. מִי שֶׁהוּא עָנָיו, יָכוֹל לִצְעֹק בִּתְפִילָּתוֹ מִן הַלֵּב.** וֶוער עֶס הַאלְט זִיךְ קְלֵיין, קֶענֶען שְׁרַייעֶן פוּן הַארְץ בַּיים דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.



וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט דָאס מִיט אַ קְלָארְקֵייט, עֶר אִיז שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אַז קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶס קֶען גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט הוֹיבְּט זִיךְ אָן זַיין וֶועג צוּ הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן. מֶען הָאט שׁוֹין נִישְׁט מוֹרָא אַז אֶפְשָׁר וֶועט אֵיינֶער צוּכַאפְּן זַיינֶע זַאכְן, מֶען אִיז שׁוֹין נִישְׁט מְקַנֵּא אַ צְוֵוייטְן אַז יֶענֶעם גֵייט בֶּעסֶער, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא ל"ח.) "בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ וּמִשֶּׁלְּךָ יִתְּנוּ לָךְ, אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בַּמּוּכָן לַחֲבֵירוֹ, וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בַּחֲבֶרְתָּהּ אֲפִילּוּ כִּמְלֹא נִימָא", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן אַז מֶען וֶועט אִים עֶפֶּעס צוּכַאפְּן, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וֶועט גֶערוּפְן וֶוערְן בַּיים נָאמֶען אוּן גֶעשְׁטֶעלְט וֶוערְן פּוּנְקְט וואוּ עֶר דַארְף זַיין, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אָנְרִירְן עֶפֶּעס וָואס אִיז צוּגֶעגְרֵייט פַאר אַ צְוֵוייטְן, אֵיין קֶענִיגְרֵייךְ קֶען נִישְׁט צוּרִירְן אִין אַן אַנְדֶערֶע אֲפִילּוּ נִישְׁט מִיט קַיין הָאר.

אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ הוֹיבְּן זִיךְ אָן מִיט דֶעם וָואס עֶר פַאלְט אַרַיין אַ קַטְנוּת הַדַּעַת, עֶר אִיז נִישְׁט זִיכֶער מִיט זִיךְ, עֶר אִיז פוּל מִיט בִּלְבּוּלִים אוּן מַחְשָׁבוֹת אַז אַנְדֶערֶע זֶענֶען מֶער גֶעלוּנְגֶען פוּן אִים, יֶעדֶער אִיז אַזוֹי שֵׁיין מַצְלִיחַ, יֶעדְן גֵייט אַזוֹי גוּט, אוּן נָאר פַאר אִים גֵייט אַלֶעס מִיט'ן לִינְקֶען פוּס; אוּן מִיט דֶעם וָואס עֶר פַאלְט אַרַיין אִין דִי חֲלִישׁוּת הַדַּעַת אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ, עֶר הָאט אַלֶץ מוֹרָא אַז מֶען גֵייט אַלֶעס צוּנֶעמֶען פוּן אִים, דָאס אַלֵיין מַאכְט אַז עֶר זָאל טַאקֶע נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, עֶר זָאל וֶוערְן אַ שְׁלִימַזְל וָואס טוֹיג צוּ גָארְנִישְׁט.

דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע נֶעגַאטִיוֶוע גֶעדַאנְקֶען, קוּמֶען נָאר פוּן דֶעם וָואס מֶען רַייסְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הָאט נִישְׁט אַ קְלָארֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין פִירְט יֶעדֶע זַאךְ; וֶוען אַ אִיד שְׁטַארְק זִיךְ אָבֶּער מִיט אֱמוּנָה, עֶר קְלֶעבְּט זִיךְ צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֵוייסְט אַז עֶר וֶוערְט גֶעפִירְט פוּן אוֹיבְן אוֹיף יֶעדְן טְרִיט אוּן שְׁרִיט, דֶעמָאלְט הוֹיבְּט אָן שַׁיינֶען זַיין מַזָּל אוּן הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן, עֶר בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע בִּטָּחוֹן אוּן אַ זֶעלְבְּסְזִיכֶערְקֵייט, עֶר הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט, דָאס גֶעבְּט אִים דִי מוּט אוּן קוּרַאזְשׁ אָנְצוּגֵיין אוּן פְּרוּבִּירְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ.

מִיט אֱמוּנָה וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט; אַז מִיר וֶועלְן לֶעבְּן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אַיינְקְרִיצְן אִין מֹחַ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעמָאל מִיט אוּנְז, וֶועלְן מִיר גָאר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין אִין יֶעדְן הִינְזִיכְט.

### הִיט דַיין מוֹיל

אַ וִוּיכְטִיגֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען פַאר דִי הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן, אִיז זִיךְ צוּ הִיטְן דָאס מוֹיל. רוֹב צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען מִיט וָואס אַ מֶענְטְשׁ מוּטְשֶׁעט זִיךְ אִין לֶעבְּן, הָאט עֶר זִיךְ אַלֵיין אָנְגֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף זִיךְ, מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן וָואס עֶר רֶעדְט. עֶס אִיז כִּמְעַט נִישְׁטָא קַיין פְּלָאנְטֶער אִין וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעדְרֵייט, וָואס הָאט זִיךְ נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אִיבְּרִיגֶע וֶוערְטֶער וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט אוֹיף אַ נִישְׁט רִיכְטִיגֶע וֶועג.

עֶס אִיז דָא אַ מַאֲמַר הֶחָכָם, "וִוי לַאנְג דוּ הָאסְט נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעזָאגְט דָאס וָוארְט, בִּיסְטוּ בַּעַל הַבַּיִת דֶערוֹיף; וִוי נָאר דוּ הָאסְט אַרוֹיסְגֶעזָאגְט דָאס וָוארְט, אִיז שׁוֹין דָאס וָוארְט בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף דִיר", אוּן נָאךְ אַ מַאֲמָר, "וֶוען אִיךְ רֶעד, קֶען זַיין אִיךְ וֶועל חֲרָטָה הָאבְּן דֶערוֹיף; וֶוען אִיךְ שְׁוַוייג, וֶועל אִיךְ זִיכֶער נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן". מִיט אֵיין שְׁלֶעכְט וָוארְט וָואס מֶען הָאט זִיךְ בְּטָעוּת אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט אִין אַ שְׁוַואכֶע מִינוּט, מִיט אֵיין וָוארְט וָואס מֶען הָאט אַרַיינְגֶעפְּלִיקְט אַ צְוֵוייטְן זַייעֶנְדִיג אוֹיפְגֶערֶעגְט, קֶען מֶען נָאכְדֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק לַיידְן דֶערְפוּן, דֶער מֶענְטְשׁ בְּרֶענְגְט זִיךְ אַלֵיינְס אָן צָרוֹת, יִסּוּרִים, אוּן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט.

אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וִויל הָאבְּן הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן, עֶר וִויל זִיךְ אַיינְשְׁפָּארְן פִילֶע צָרוֹת אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ, זָאל עֶר צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ שְׁוַוייגְן וִוי מֶער, עֶס זָאל וֶוערְן בַּיי אִים וִוי אַ צְוֵוייטֶע נַאטוּר נִישְׁט צוּ רֶעדְן אִיבְּרִיגֶע וֶוערְטֶער, אַ חָכָם הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "וִוי מֶער דוּ וֶועסְט שְׁוַוייגְן אוּן אוֹיסְהֶערְן, וֶועט זַיין חָכְמָה שֶׁענֶער וֶוערְן אוּן דַיינֶע טָעוּתִים וֵוייניגֶער וֶוערְן", נָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט, "וִוי וֵוייניגֶער רֵייד, אַלֶץ וֵוייניגֶער גְרַייזְן".

וֶוען מֶענְטְשְׁן זָאלְן וִויסְן וִויפִיל צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים זֵיי קֶענֶען אוֹיסְמַיידְן אִין זֵייעֶר לֶעבְּן בְּלוֹיז דוּרְךְ דִי מִדָּה פוּן שְׁוַוייגְן, וָואלְטְן זֵיי זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט אַלְץ אָפְּצוּשְׁוַוייגְן וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט זֵיי אוּן מֶען טְשֶׁעפֶּעט זֵיי; אַ מַאן וָואלְט אָפְּגֶעשְׁוִויגְן פַאר זַיין וַוייבּ, אַ פְּרוֹי וָואלְט אָפְּגֶעשְׁוִויגְן פַאר אִיר מַאן, אוּן אַזוֹי וָואלְט מֶען צוּרִיקְגֶעהַאלְטְן אַלֶע סָארְט קְרִיגֶערֵייעֶן אוּן רַייבֶּערֵייעֶן, וִיכּוּחִים אוּן טַעֲנָה'רֵייעֶן. אוּן דִי זֶעלְבֶּע מִיט חֲבֵרִים אוּן בַּאקַאנְטֶע, וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט הָאבְּן אַ רוּאִיג אוּן צוּפְרִידְן לֶעבְּן, זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, וֶוען מֶען רֶעדְט וֶוען נִישְׁט אַזוֹיפִיל אִיבְּרִיגֶע רֵייד. "דִי בֶּעסְטֶע וֶועג מִלְחָמָה צוּ הַאלְטְן מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, אִיז דוּרְכְ'ן אִים אָפְּשְׁוַוייגְן" - הָאט אַ חָכָם זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט - "רֶעד וִוי וֵוייניגֶער, וֶועסְטוּ הָאבְּן וֵוייניגֶער זִינְד", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לָאזְט הֶפְקֵר זַיין מוֹיל, עֶר רֶעדְט אַלֶעס וָואס קוּמְט אִים אוֹיפְ'ן צוּנְג, הוֹיבְּט עֶר אָן שֶׁעלְטְן אוּן זִיךְ קְרִיגְן, שְׁרֵייעֶן אוּן זִיךְ טַעֲנָה'ן, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט נָאכְדֶעם מַחְלוֹקֶת אוּן פַיינְטְשַׁאפְט, אוּן אַזוֹי פַארְבִּיטֶערְט מֶען זִיךְ אַלֵיין דָאס לֶעבְּן.

נָאךְ אַ וִוּיכְטִיגֶע זַאךְ אִיז דָא פוּן וָואס מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן דָאס מוֹיל, אִיז נִישְׁט צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר אַנְדֶערֶע קַיין פְּרִיוַואטֶע זַאכְן, קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן אַ צְוֵוייטְן מִיט אַ סוֹד, נִישְׁט מִיטְטֵיילְן מִיט אַנְדֶערֶע דִי פֶּערְזֶענְלִיכֶע גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן אַזוֹי קֶען דֶער מֶענְטְשׁ זַיין רוּאִיג אוּן נִישְׁט זַיין דֶערְשְׁרָאקְן אַז אֶפְשָׁר וֶועט יֶענֶער אוֹיסְזָאגְן זַיינֶע בַּאהַאלְטֶענֶע זַאכְן, אֶפְשָׁר וֶועט יֶענֶער אוֹיסְכַאפְּן זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַזֶעלְכֶע סָארְט דַאֲגוֹת, בִּלְבּוּלִים, אוּן פְּחָדִים, וָואס דָאס אִיז דֶער טִיר צוּ אַ דוּרְכְפַאל אִין לֶעבְּן. וִוי דֶער מַאֲמַר הֶחָכָם, "אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעדַארְפְט מֶער שׁוֹינֶען אוֹיף זַיינֶע רֵייד, וִוי אוֹיף זַיין גֶעלְט", נָאךְ אַ מַאֲמַר, "עֶס זָאל דִיר גְרִינְגֶער אָנְקוּמֶען אוֹיסְצוּגֶעבְּן גֶעלְט, וִוי אוֹיסְצוּגֶעבְּן רֵייד", אַזוֹי שְׁטַארְק הָאבְּן דִי פְּרִיעֶרְדִיגֶע חֲכָמִים גֶעוָוארְנְט זִיךְ אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיפְ'ן מוֹיל. וִוי מֶער מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ רֶעדְן קַיין אִיבְּרִיגֶע רֵייד, אַלֶץ מֶער שְׁפָּארְט מֶען זִיךְ אַיין אַזוֹיפִיל צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין לֶעבְּן.

חֲזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק א', מִשְׁנָה ה') "אַל תַּרְבֶּה שִׂיחָה עִם הָאִשָּׁה", אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן צוּ סַאךְ מִיט זַיין וַוייבּ, דָאס גֵייט אַרוֹיף אַז מֶען זָאל נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר דִי וַוייבּ דִי אֵייגֶענֶע דוּרְכְפֶעלֶער. אַז אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַהֵיים אוּן דֶערְצֵיילְט פַאר זַיין וַוייבּ אַז הַיינְט הָאט עֶר גֶעהַאט צוּטוּן מִיט דֶעם אוּן מִיט יֶענֶעם, דֶער הָאט מִיךְ גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן יֶענֶער הָאט מִיר פַארְשֶׁעמְט, אָדֶער אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַ דוּרְכְפַאל, זַאכְן זֶענֶען אִים נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען גוּט, אוּן וֶוען עֶר פַארְצֵיילְט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אִין לֶעבְּן; דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז עֶס גֵייט אִים הֶעלְפְן אַז זַיין וַוייבּ וֶועט אִים שׁוֹינֶען אוּן רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, פַאקְטִישׁ וֶועט דָאס אָבֶּער נָאר מַאכְן אַז זַיין וַוייבּ זָאל אִים אַרָאפְּקוּקְן אַלְס אַ שְׁלִימַזְל אוּן אַ דוּרְכְפַאל, זִי וֶועט אִים מֶער נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעצְן אוּן אַרוֹיפְקוּקְן, אוּן דָאס וֶועט נָאר מַאכְן פְּרָאבְּלֶעמֶען. דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז צוּ רֶעדְן אִינְדֶערְהֵיים נָאר פָּאזִיטִיוו, נָאר דֶערְצֵיילְן גוּטֶע זַאכְן וִוי אַזוֹי מֶען הָאט שֵׁיין מַצְלִיחַ גֶעוֶוען; אַלֶע שְׁוֶוערֶע זַאכְן דַארְף מֶען נָאר דֶערְצֵיילְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

לָאמִיר זִיךְ אַרַיינְנֶעמֶען אִין הַארְץ אוּן אִין מֹחַ דִי וִוּיכְטִיגֶע עֵצָה צוּם לֶעבְּן, אַלְץ רֶעדְן וִוי וֵוייניגֶער אוּן שְׁוַוייגְן וִוי מֶער, וִוי דֶער מַאֲמַר הֶחָכָם, "אַ סִימָן פוּן אַ חָכָם - עֶר רֶעדְט וֵוייניג, אַ סִימָן פוּן אַ נַאר - עֶר רֶעדְט אַסַאךְ", דָאס וֶועט אוּנְז אָפְּהִיטְן פוּן אַזוֹיפִיל סָארְט שְׁלֶעכְטְס, אוּן וֶועט אוּנְז בְּרֶענְגֶען גְרוֹיס הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן.

(קוּנְטְרֵס זַיי מַצְלִיחַ)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רט)

### תשז

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ו תַּמּוּז, אִיז ר' נַפְתָּלִי גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט נָאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען פַאר זֵיי אַז עֶס אִיז דָא אוֹיף אִים גְרוֹיסֶע מִלְחָמוֹת.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי שְׁטִיל גֶעבְּלִיבְּן פַאר אַבִּיסְל, אוּן דַאן הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן פוּן מַיין נְסִיעָה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט", אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה מִיטְ'ן פְלִיג אוּן דֶער שְׁפִּין (זִיבֶּעטֶע מַעֲשֶׂה פוּן סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת), אוּן נָאכְ'ן אָנְהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אִינְמִיטְן אָנְגֶערוּפְן, "אֶפְשָׁר וֶועט אִיר מֵיינֶען אִיךְ וֶועל אַייךְ גָאר אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, וֶועט אִיר קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין?", אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר וַוייטֶער דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין סֵפֶר סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, עֶס אִיז אָבֶער דָא אַסַאךְ בַּיים סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה וָואס אִיז נִישְׁט גֶעוָוארְן אַרָאפְּגֶעשְׁרִיבְּן.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז גָאר אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה, וֶוער עֶס פַארְטִיפְט זִיךְ אִין דִי מַעֲשֶׂה וֶועלְן זִיךְ אִים אוֹיפְשְׁטֶעלְן דִי הָאר פוּן קָאפּ פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע סוֹדוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען אִין דִי מַעֲשֶׂה.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט וָואס עֶס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטוּן מִיט אִים אֵיידֶער זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, וִוי אַזוֹי דֶער סַמַךְ-מֶם הָאט פַארְפִירְט אַז אוֹיבּ דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט וָואס צוּ טוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן וִוי אַזוֹי עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען מִיט אַן אַלְטִיטְשְׁקֶן אוּן עֶר הָאט גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין אַן עֵצָה גֶעגֶעבְּן, דִי נְשָׁמָה קֶען שׁוֹין אַרָאפְּגֵיין.

דָאס וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דָארְט דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער דִי גֶעפַאנְגֶענֶע אוּן צְווִישְׁן זֵיי דִי יְפַת תּוֹאַר, דִי גֶעפַאנְגֶענֶע זֶענֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס עֶר שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס, אוּן אִין יֶעדְן דוֹר אִיז דָא אֵיינֶער צְווִישְׁן זֵיי וָואס עֶר אִיז דֶער אוֹיסְדֶערְוֶועלְטֶער פוּן אַלֶע, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אִיז בַּאהַאלְטְן גָאר אַסַאךְ סוֹדוֹת אִין דִי מַעֲשֶׂה, וָואס וֶועט נִתְגַלֶּה וֶוערְן בְּהִתְגַּלּוֹת מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ, וֶוען מִיר וֶועלְן וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן גָלוּת בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

### תשח

זוּנְטָאג, ה' אָב, אִיז דֶער רֶבִּי גֶעפָארְן פוּן בְּרֶסְלֶב קַיין טְשֶׁערִין צוּ זַיין דָארְט אוֹיף שַׁבָּת נַחֲמוּ, וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גֶעוֶוען יֶעדֶעס יָאר.

אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִין לַאדִיזִין, דָארְט זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען פִילֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ נֶעמֶען שָׁלוֹם פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי אִיבֶּערְגֶעזָאגְט וָואס עֶר הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט פַאר שַׁבָּת אַז עֶר דַארְף נִסְתַּלֵּק וֶוערְן אוּן אַז עֶר דַארְף הָאבְּן זֶעכְצִיג גִּבּוֹרִים, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט גֶעהַאט שִׁשִּׁים גִּבּוֹרִים.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "עֶס וֶועט זִיכֶער אוֹיסְוַואקְסְן פוּן מַיינֶע מֶענְטְשְׁן זֶעכְצִיג גִּבּוֹרִים, זֵיי זֶענֶען נָאךְ אָבֶער יוּנְג, אוּן דִי מִלְחָמָה אוֹיף זֵיי אִיז גָאר שְׁוֶוער אוּן שְׁטַארְק, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וֶועמֶען צוּ פַארְלָאזְן".

דֶער רֶבִּי הָאט נָאךְ אַסַאךְ אַרוּמְגֶערֶעדְט דָארְט, עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ וָואלְט עֶר גֶעהַאט שִׁשִּׁים גִּבּוֹרִים, וָואלְט עֶס אוֹיךְ נִישְׁט גֶעהָאלְפְן אַז עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן פוּן זַיין קְרֶענְק, אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז עֶר וָואלְט גֶעוָואלְט פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דָאס הֵייסְט צוּ פָארְן נָאכְאַמָאל קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן דָארְט נִסְתַּלֵּק וֶוערְן, עֶר הָאט אָבֶער מוֹרָא אַז עֶר וֶועט נִישְׁט דוּרְכְמַאכְן דֶעם וֶועג בִּיז אַהִין, עֶר וֶועט נִישְׁט אָנְקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ וֶועט עֶר יָא נִסְתַּלֵּק וֶוערְן דָארְט, וֶועלְן מֶענְטְשְׁן נִישְׁט קוּמֶען צוּ זַיין קֶבֶר, עֶס וֶועט זִיךְ גָארְנִישְׁט טוּן בֵּיי זַיין קֶבֶר, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "עֶס וֶועט קֵיינֶער נִיט קוּמֶען אוֹיף דֶעם קֶבֶר, מֶען וֶועט נִיט הָאבְּן צוּ טוּן מִיט דֶעם קֶבֶר", אוֹיבּ אָבֶער וֶועט עֶר דָא נִסְתַּלֵּק וֶוערְן, וֶועט מֶען זִיכֶער קוּמֶען אוֹיף זַיין קֶבֶר צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען דָארְט, אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן גְרוֹיס פַארְגֶענִיגְן אוּן תַּעֲנוּג פוּן דֶעם.

פוּן דֶעם שְׁמוּעֶס דָארְט אִין לַאדִיזִין הָאט מֶען פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער רֶבִּי וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז מֶען זָאל כְּסֵדֶר קוּמֶען אוֹיף זַיין קֶבֶר, אוּן פוּן דֶעמָאלְט אוּן וַוייטֶער, בִּיז וֶוען דֶעם רֶבִּינְ'ס נְשָׁמָה אִיז אַרוֹיף, הָאט דֶער רֶבִּי אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן זַיין קֶבֶר, עֶר הָאט אַסַאךְ מָאל אִיבֶּערְגֶע'חַזְרְ'ט מִיט אַסַאךְ לְשׁוֹנוֹת אַז עֶר וִויל זֵייעֶר אַז מֶען זָאל קוּמֶען אַ גַאנְצְן צַייט צוּ אִים, דָאס הֵייסְט צוּ זַיין קֶבֶר, צוּ זָאגְן דָארְט תְּהִלִּים, צוּ לֶערְנֶען דָארְט, אוּן צוּ אַסַאךְ מִתְפַּלֵּל זַיין דָארְט אוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גָאר אַסַאךְ אַרוּמְגֶערֶעדְט פוּן דֶעם.

### תשט

וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעהֶערְט דִי רֵייד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן גֶעוָוארְן, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְוֵוייטָאגְט צוּ הֶערְן אַז דֶער רֶבִּי רֶעדְט פוּן זַיין הִסְתַּלְקוּת.

<<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# אָנְטוּן פַאר בֶּעבִּיס נָאר נֵייעֶ קְלֵיידֶער?

**שְׁאֵלָה:**

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אַ מִנְהָג צוּ אָנְטוּן פַאר אַ נֵיי גֶעבּוֹירְן קִינְד נָאר נֵייעֶ קְלֵיידֶער אוּן נֵייעֶ אוּנְטֶער וֶועשׁ, אוּן אַז מֶען זָאל נִישְׁט נוּצְן דִי קְלֵיידֶער אוּן דֶעקֶעס וָואס דִי שְׁפִּיטָאל גֶעבְּט?

מַיין וַוייבּ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז זִי הָאט דָאס גֶעהֶערְט פוּן אֵיינֶעם, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט וִויסְן אוֹיבּ עֶס אִיז אַן אֱמֶתְ'עֶ זַאךְ.

**יְיַשֵּׁר כֹּחַ**

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ח' סִיוָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בֵּיי אוּנְז אִיז מֶען נִישְׁט מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם, בֵּיי אוּנְז טוּט מֶען אָן סֵיי נֵייעֶ, סֵיי אַלְטֶע אוּן אוֹיךְ וָואס דִי שְׁפִּיטָאל גֶעבְּט.

דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה פַאר אַ יוֹלֶדֶת אוּן פַאר דִי נֵיי גֶעבּוֹירֶענֶע קִינְד אִיז שִׂמְחָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", אוּן אַוֶועק נֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת. "וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן קְרֶענְק וָואס קוּמֶען אוֹיפְן מֶענְטְשׁ קוּמְט נָאר צוּלִיבּ עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה. אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער: "וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים הֶאֱרִיכוּ בָּזֶה, שֶׁכָּל הַחוֹלַאַת עַל יְדֵי מָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת, וְהַשִּׂמְחָה הוּא רְפוּאָה גְּדוֹלָה", אוֹיךְ דִי דָאקְטוֹירִים זֶענֶען מוֹדֶה אַז אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן קְרֶענְק קוּמֶען פוּן נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ נֶעמְט עֶר אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נָשֹׂא תשפ"ה)



<<<<<<

>>>>>  לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט מִיט זֵיי אַסַאךְ אִין עֲבוֹדַת ה', מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת, וִוי זַיין שְׁטַייגֶער אִיז אַלְץ גֶעוֶוען, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם רָב אוּן בֶּן יָחִיד (דִי אַכְטֶע מַעֲשֶׂה אִין סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת).

**תשי**

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן דָארְט קַיין מֶעדְוֶועדִיוְקֶע, אוּן פוּן דָארְט אִיז עֶר גֶעפָארְן קַיין טְשֶׁערִין.

**תשיא**

שַׁבָּת נַחֲמוּ אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען אִין טְשֶׁערִין, אוּן עֶר הָאט דָארְט גֶעזָאגְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע תּוֹרָה אַזוֹי וִוי אַלֶעמָאל.

עֶס אִיז נִישְׁט בַּאקַאנְט וֶועלְכֶע תּוֹרָה דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט דָארְט, אָבֶער עֶס אִיז זִיכֶער אַז דִי תּוֹרָה אִיז גֶעדְרוּקְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. עֶס אִיז דָא אַסַאךְ תּוֹרוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אַלֵיין אַרָאפְּגֶעשְׁרִיבְּן וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, אוּן מֶען וֵוייסְט אָבֶער נִישְׁט וֶוען עֶס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן, אוּן אֵיינֶע פוּן דִי תּוֹרוֹת אִיז פוּן דֶעם שַׁבָּת.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז אַלֶע תּוֹרוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט נָאכְ'ן צוּרִיק קוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דַארְף מֶען אָפְּשְׁרַייבְּן, אוּן אֲפִילוּ דִי פָּשׁוּטֶע שְׁמוּעֶסְן וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט נָאךְ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, לוֹינְט זִיךְ אוֹיךְ צוּ שְׁרַייבְּן.

**תשיב**

דֶערְוַוייל אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער דִי צַייט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען מִיט ר' יְחֶזְקֵאל טְרַאכְטִינְבֶּערְג צוּ מַאכְן דִי חֲתוּנָה נִישְׁט שְׁפֶּעטֶער פוּן הַאלְבּ חוֹדֶשׁ אָב (זֶע אוֹיבְן אִין סִימָן תש"ד), אוּן דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען קַיין בְּרֶסְלֶב אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו צוּ ר' יְחֶזְקֵאל טְרַאכְטִינְבֶּערְג.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה

גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **חיים שלום קרויס** הי"ו ירושלים עיה"ק
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **דוד יודא איידליס** הי"ו קרית ברסלב
צו די שידוך שליסן פון זיין זון למזל טוב
החתן **שמעון** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **שמואל לייב פעלבערבוים** הי"ו קרית טאהש

***

מו"ה **יצחק ראטה** הי"ו בית שמש
צו די שידוך שליסן פון זיין זון למזל טוב
החתן **זאב** הי"ו
עב"ג בת מו"ה **נפתלי זאבעל** הי"ו קרית יואל

***

מו"ה **אשר יעקב בלום** הי"ו קרית ברסלב
מנהל בית הדפוס קרן הדפסה היכל הקודש
צו די אפשערן פון זיין זון **אליעזר שלמה** נ"י למזל טוב

***

מו"ה **מעכל ראזענפעלד** הי"ו קרית ברסלב
צו די אפשערן פון זיין זון **משה** נ"י למזל טוב

***

מו"ה **דוד ראבינאוויטש** הי"ו קרית ברסלב
צו די אפשערן פון זיין זון **יוסי** נ"י למזל טוב

***

מו"ה **חיים שלום קרויס** הי"ו ירושלים עיה"ק
צו די אפשערן פון זיין זון **נחמן שלמה** נ"י למזל טוב

***

החתן **דוד ווייצהענדלער** הי"ו ביתר עילית
צו די שמחת החתונה למזל טוב עב"ג

***

החתן **שלמה זאלדאן** הי"ו בני ברק
צו די שמחת החתונה למזל טוב עב"ג

***

מו"ה **מרדכי בריל** הי"ו טבריה
צו די שמחה פון זיין זון למזל טוב
החתן **יהודה** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **מנחם מענדל ראבינאוויטש** הי"ו בית שמש

***

מו"ה **דוד יודא איידליס** הי"ו קרית ברסלב
צו די שמחה פון זיין זון למזל טוב
החתן **מרדכי** הי"ו
עב"ג בת מו"ה **מרדכי אינדיג** שליט"א קרית ברסלב
מנהל תלמוד תורה היכל הקודש ליבערטי

***

מו"ה **ישראל שלום זעלקאוויטש** הי"ו קרית ברסלב
צו די שמחה פון זיין זון למזל טוב
החתן **וואלווי** הי"ו
עב"ג בת מו"ה **אייזיק אפפעל** הי"ו קרית ברסלב

מיר זענען שולדיג א געוואלדיגע הכרת הטוב פאר ר' **אייזיק** און פאר **מרת אפפעל** פאר די פילע לייסטונגען וואס זי שטעלט צו פאר די גאנצע קהלה מיט אזויפיל הארץ און געפיל, סיי מיט'ן צושטעלן די חתונות אין בית המדרש פאר בחנם, סיי מיט די לעדים עקזילערי, און נאך פיל. דער אייבערשטער זאל העלפן אז זיי זאלן האבן ווייטער די כוחות צו קענען ממשיך זיין מיט די הייליגע ארבעט, און זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך, מיט פרנסה בריווח, פאר לאנגע געזונטע יארן, מיט סייעתא דשמיא

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# חנוכת בית המדרש "היכל דוד"

ווי שוין באריכטעט האט מען ברוך ה' צוגעבויט א גאר שיינע גרויסע בית המדרש אין שטעטל, נאכדעם וואס דער ביז יעצטיגער בית המדרש איז שוין געווען ענג און אויסגעוואקסן, און עס איז שוין נישט געווען מעגליך ווייטער אנצוגיין אזוי.

ווי דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן אין א בריוו, האט דער אייבערשטער געהאלפן אז עטליכע פון אנשי שלומינו האבן זיך ווארעם אנגערופן מיט גרויסע סכומים, מו"ה דוד לאקס הי"ו האט אפגעקויפט דעם זכות פונעם היכל הבית המדרש, וואס האט באקומען דעם נאמען "היכל דוד", מו"ה שבתי מזרחי האט געקויפט די זכות פון די מקוה, דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט אז דאס איז א מעשה פון תפלה, ער האט אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל האבן פון וואו צו באצאלן די גרויסע סכומים און וואס דער גרויסער פראעקט האט אריינגעצויגן.

אזוי ווי שבועות איז א צייט ווען עס קומען צו פארן גאר אסאך געסט צום שטעטל, צו ווילן במחיצת פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס געבט איבער די לימודים פון הייליגן רבי'ן אויפ'ן וועג וואס מוהרא"ש זי"ע האט אראפגעשטעלט, און לערנט אויס מען זאל לעבן חיים נצחיים, אז די לעבן זאל נישט ח"ו דורכגיין אין עולם התוהו, ווען מען איז פארנומען מיט יעדעם איינעם אויסער מיט זיך. דערפאר האבן די חשובע גבאים זיך גאר שטארק אנגעשטרענגט אז דער נייער היכל זאל שוין זיין פארטיג אויף יום טוב.

אבער טראץ דאס אלעס האט נישט אויסגעזען אז דאס איז בכלל מעגליך, צוליב די פילע ארבעט וואס האט אויסגעפעלט, אבער אנשי שלומינו האבן זיך אנגערופן גאר ווארעם מיט אסאך תפלות, און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז מען האט געזען גרויס סייעתא דשמיא אויף טריט און שריט.

א ביישפיל: די מקוה איז פארטיג געווארן אום ערב שבת קודש, אבער דער בור מי גשמים איז נאך געווען ליידיג, און דער אויבערשטער האט אראפגעשיקט גאר א שטארקע שלאקס רעגן אום ליל שבת קודש, אזא רעגן וואס מאכט זיך זעלטן, און די גשמי ברכה האט איבערגעפילט די בורות די והותר.

נאך א ביישפיל: ערב יום טוב אינדערפרי איז נאכנישט געווען קיין וואסער און לעקטער אינעם נייעם חלק פונעם בנין, און עס האט אויסגעזען אז אריינגיין אינעם בית המדרש אויף יום טוב איז א שיינע חלום, אבער מיט אסאך תפלות האט דער אייבערשטער געהאלפן אז פילע אנשי שלומינו האבן זיך אנגערופן ווארעם צו העלפן, ווען דער מאכט די פלאמבינג, און דער מאכט די עלעקטעריק, איינער גרייט צו די בענק, און דער אנדערער רוימט אויף, בשעת די מויל בעט דעם אייבערשטן אז מען זאל האבן הצלחה אין די ארבעט, און אזוי מיט סייעתא דשמיא סמוך לכניסת החג, האבן אנשי שלומינו זוכה געווען צו דאנקען דעם אויבערשטן, שהחיינו וקיימנו, אריינשפאצירנדיג אינעם גרויסן שיינעם היכל, ארומגענומען מיט גרויסע גאלעריען פאר די ווייבער שולן.

דער עיקר ציל פונעם נייעם היכל איז צו האבן א פלאץ צו קענען לערנען רואיגערהייט, וואס ביז יעצט האט מען געדארפט לערנען אינדערפרי צווישן די מנינים שחרית, און יעצט נאך יום טוב האט זיך שוין אנגעזען די פילע אידן און די פילע חברותות וואס זיצן און לערנען בהתמדה אינעם נייעם גרויסן היכל דוד, מיט הרחבת הדעת. און די אלטע שול ווערט צעטיילט אין שטיבעלעך פאר מניני שחרית איינס נאכ'ן צווייטן.

## חיזוק צום טיר


איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;
דעליווערט צו אייער טיר!
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**718-387-2691**
און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים


## שורש פונעם פראבלעם


כדי צו קענען פאררעכטן א פראבלעם, דארף מען קודם ארויסהאבן די שורש פונעם פראבלעם; וואס איז די ריכטיגע צוגאנג?
קול ברסלב
**212-444-9191**
**1, 2, 2, 10, 32**



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**